בסיעתא דשמיא

גליון פרדס התורה

פרשת מטו"מ

תשפ"ו

אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



מאמר הפרשה • בין המצרים • מחלוקת • בנין בית המקדש • טבריה של מעלה




# י"ל ע"י מערכת
# 'פרדס התורה' לכתיבת
# ועריכת שיעורי מורינו
# הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי
ישראל בארץ הקודש, דייני העדה
החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא
בספר 'טבריא של מעלה'
שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

## די גליונות קען מען באקומען
## ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**

ביהמ"ד שומרי שבת
5302 13 Ave.
ביהמ"ד עדת יראים וויען
1350 50 St.
ביהמ"ד הדרת קודש
סוואליווע
4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**

בנין בראך למטה
#405 לאקער
Bedford Cor. Park
כתר דושינסקיא
801 Bedford Ave.
מאוריה
218 Wallabout St.

**מאנסי**

ביהמ"ד זוועהיל
101 W Maple Ave.
שיינער'ס שול
18 Forshay Rd.

**קרית יואל**

כתר דושינסקיא
97 Acres Rd.

**לעיקוואוד**

כתר דושינסקיא
12 America Ave.
ביהמ"ד סאטמאר
405 Forest Ave.
ביהמ"ד צאנז
קלויזענבורג
25 Havens Ave.
ביהמ"ד בעלזא
44 Grove Springs Ct.

**טאמס ריווער**

ביהמ"ד קהל בני יששכר
1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**

MB VINEYARD
3012 AVE J

◆ ◆ ◆

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו
הרב שליט"א והגליונות באימייל,
ניתן לפנות:
shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד
באימייל, ניתן לפנות:
pardesgilyones@gmail.com

# פרדס התורה

פרשת מטו"מ
תשפ"ו
גליון 37

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אבד"ר פרדס התורה
מה"ס שו"ת יהודה מהוקקי

אידיש



זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן האי שתא אחר קבלת יסודים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.


## אינעם גליון:


3 מאמר הפרשה

6 בין המצרים

9 מחלוקת

10 בנין בית המקדש

11 טבריא של מעלה


## מאמר הפרשה

# די געוואלדיגע בריליאנטן אין א טונקעלע געפיל • די גרויסקייט פון די 'דריי וואכן'

### די באדייטונג פון די מ"ב מסעות

**"אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָצְאוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לְצִבְאֹתָם בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן"** (במדבר לג, א).

אין פרשת מסעי רעדט די תורה ארום באריכות איבער די מ"ב מסעות, פונקטליך אַלע פלעצער וואו די אידישע קינדער זענען געגאַנגען אין מדבר. דער הייליגער **אור החיים הקדוש**, דער הייליגער **קאזשניצער מגיד**, און נאָך ספרים, מוטשענען זיך מיט א שטאַרקע קשיא: פאַרוואָס דאַרף די תורה הקדושה אזוי מאריך זיין אין די אַלע פלעצער? **צו וואָס איז דאָס נוגע פאַר אונז 'היינט צוטאָגס'?**

איידער מיר וועלן אריינגיין אין די יסוד הדברים, ווילן מיר מקדים זיין אז דער ענין פון די מ"ב מסעות איז א געוואלדיגע סגולה. קודם כל, ווערט אַראָפּגעברענגט אין **מגן אברהם** (או"ח סי' תכ"ח) בשם דעם ספר **צרור המור**, אז די מ"ב מסעות זענען קעגן דעם שם מ"ב פון 'אנא בכח'.

אזוי אויך אין ספר **זבח פסח**, ביים סוף פונעם ספר, ברענגט ער דארט אַראָפּ בשם דעם מקובל אלקי **רבי שמשון אוסטרופּאָלער**, אז **אויב איינער וועט זאגן די מ"ב מסעות אינדערפרי און ביינאַכט, וועט ער ניצול ווערן פון צער און נזק**. און אין יענע צייטן - ווען רבי שמשון האָט געלעבט - זענען ארומגעגאַנגען געוויסע מגיפות, האָט ער געזאָגט אז ווער עס וועט דאָס זאָגן וועט ניצול ווערן אפילו פון אַ מגיפה ה"י.

ער זאָגט דאָרט: "מיינע ווערטער זאָלסטו נישט נעמען גרינג, ווייל רבי שמשון אוסטרופאַלער האָט געלערנט מיט אליהו הנביא פנים אל פנים". ער ברענגט דארט אויך אַראָפּ א ביאור אויף די מ"ב מסעות בשם דעם מקובל אלקי **רבי אליהו בעל שם**, עי"ש.

שטעלט זיך די שאלה: **וואָס איז אזוי ספּעציעל ביי די מ"ב מסעות, אז מיר זעען אז עס איז דאָ אזא געוואלדיגע סגולה דערפון?**

### בירורי ניצוצות: וואָס עס מיינט פאַר אונזער נשמה

כדי אריינצוגיין אין דעם ענין דאַרפן מיר האבן עטליכע הקדמות.

**קודם כל:** דער הייליגער **אור החיים הקדוש** רעדט דורך זיין גאנצן ספר זייער שטאַרק ארום איבער דעם ענין פון 'בירורי ניצוצות'. מיר דאַרפן פאַרשטיין **וואָס מיינט 'בירורי ניצוצות'?**

דער אוה"ח הק' זאָגט, אז ניצוצות מיינען חלקים פון קדושה, תענוגים פון קדושה, חלקים פון א אידישע נשמה וואָס זענען געפאַנגען ביי די כוחות הטומאה און די סטרא אחרא איבעראָל איבער די גאנצע וועלט, און מען דאַרף זיי אויסלייזן.

אויף דעם בעטן מיר דריי מאל א טאָג: "וְקַבְּצֵנוּ יַחַד מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ". זאָגט דער הייליגער **אריז"ל**, אז דאָס גייט ארויף אויף דעם וואָס מיר דאַרפן צוריקברענגען די ניצוצות פון אונזער נשמה צו אונזער נשמה, עס זאל צוריק ארויפגיין למעלה למקום מנוחה, און דעמאָלטס וועט משיח קומען.

נישט נאָר דאָס, עס איז מבואר אין **זוהר הק'**, אין **כתבי האר"י** און נאָך, אז

ווען א מענטש מאַכט בירורי ניצוצות און די ניצוצות פון די נשמה קומען צוריק צום מענטש, דעמאָלטס **ווערט דער מענטש אַ נייער מענטש.** ער פילט אַ קרבת ה', ער לערנט בהתמדה, ער דאווענט מיט התלהבות, זיין פרנסה, זיין געזונט און זיין נחת - אַלעס פאַלט אריין אין פלאַץ. קומט אויס, אז **די פראבלעמען פון אַ מענטש זענען ווען די ניצוצות זענען געפאַנגען.**

## ווי אזוי גנב'עט דער יצר הרע די תענוגים פון א איד?

יעצט וועט יעדער פרעגן די שאלה: **וויאזוי קען דאָס זיין אז די סטרא אחרא זאל קענען נעמען ניצוצות פון אַ אידישע נשמה אין געפענגעניש? ווער גיט זיי רשות דאָס צו טון?**

אויף דעם דאַרף מען מקדים זיין וואָס עס שטייט אין זוהר הק', אין כתבי האר"י און אינעם אוה"ח הק'. ווען דער יצר הרע קומט צו אַ מענטש און זאָגט אים: "איך וויל אז דו זאלסט רעדן לשון הרע", "איך וויל א ראיה אסורה", אדער "שמועסן אינמיטן לערנען", וכו' וכו'...

**פאַרוואָס זאל דער מענטש אים אויסהערן? פאַרוואָס זאל א מענטש װעלן קוקן א ראיה אסורה? עס איז דאָך מיאוס! פאַרוואָס זאל א מענטש ווען רעדן לשון הרע? עס איז דאָך אזא שלעכטע זאַך! פאַרוואָס זאָל א מענטש וועלן מפסיק זיין אינמיטן לערנען? "טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף", "פקודי ה' ישרים משמחי לב"! פאַרוואָס זאל א מענטש וועלן איבעררהאַקן אינמיטן לערנען?**

דער תירוץ איז, ווייל דער יצר הרע קומט צו א מענטש און ער מאכט עס אים **געשמאַק**, ער מאכט עס בטעם'ט, ער לייגט אריין אַ תענוג אין לשון הרע, ער לייגט אריין אַ תענוג אין א ראיה אסורה, ער לייגט אריין אַ תענוג אין דברים בטלים אינמיטן לערנען, און ממילא פאַרדרייט ער דעם מענטש'ס קאָפּ.

איי, וועט דאָך יעדער פרעגן: לכאורה, דער יצר הרע איז דאָך א מלאך וואָס דער אייבערשטער האָט באַשאַפן! פון וואו האָט ער רשות צו גיין מאַכן אַן עבירה ווי לשון הרע, ראיות אסורות אדער ביטול תורה אזוי בטעם'ט? **ווער האָט אים געגעבן די רשות? מיר אַלע ווייסן דאָך אז אן עבירה איז מיאוס בתכלית המיאוס?!**

זאגט דער הייליגער **באר מים חיים** און נאך אנדערע ספרים הקדושים (דער באר מים חיים האָט א געוואלדיגע אריכות אין דעם, סיי אין ספר באר מים חיים, סיי אין סידורו של שבת און סיי אין ספר שער התפילה), אז מען גיט פאַרן יצר הרע און פאר די סטרא אחרא די מעגליכקייט צו גנב'ענען תענוגים פון די קדושה. דאָס טייטש, ווען דער יצר הרע מאַכט לשון הרע, ראיות אסורות אדער ביטול תורה געשמאַק, קומט דאָס נישט פון אים אליינס, נאָר **ער האָט דאָס געגנב'עט פון די 'צד הקדושה'.**

## דער יצה"ר גנב'עט די תענוגים פונעם מענטש אליינס!

**פון וועלכע פלאַץ האָט ער דאָס געגנב'עט?**

קומט דער הייליגער **רבי שלומק'ע זוועהילער** זי"ע און זאגט עס מיט א שטאַרקייט (עס שטייט שוין אין פריערדיגע ספרים, אבער רבי שלומק'ע זוועהילער האָט עס ארויסגעזאגט מיט א קלאַרקייט):

**ער גנב'עט עס פונעם מענטש אליינס!**

ער נעמט ארויס אַלע תענוגים פון די נשמה, ער נעמט ארויס חלקים פונעם מענטש'ס נשמה. א נשמה איז פול מיט 'אור', פול מיט לעכטיגקייט און פול מיט תענוגים, און דער יצר הרע גנב'עט עס פונעם מענטש אליינס און לייגט עס אריין אין לשון הרע. ער גנב'עט תענוגים און לייגט עס אריין אין ראיות אסורות אדער אין ביטול תורה.



נאָכדעם קומט דער יצר הרע, דער 'מלך זקן וכסיל', מיט א בלעכענע פנים, ער קומט בגניבה צו א מענטש און זאָגט אים: "רעד לשון הרע, עס איז געשמאַק!" דער מענטש מיינט אז דער יצר הרע פאַרקויפט אים א **נייע זאַך**, אז לשון הרע אדער ראיות אסורות זענען בטעם'ט. אבער באמת, זאגט דער הייליגער באר מים חיים, איז דאָס א שקר גמור! דער לשון הרע איז מיאוס, די ראיה אסורה איז מיאוס, און דער ביטול תורה איז מיאוס. נאָר ווי אזוי האָט ער עס געמאכט בטעם'ט?

**ער האָט געגנב'עט פון דיר אליינס, פון דיינע חלקים פון דער נשמה, און דאָס האָט ער אריינגעפּאַקט אין די עבירה! רח"ל!**

לאמיר גיין ווייטער. ווען א מענטש, ח"ו, באַגייט אַן עבירה, מיינט ער אז די עבירה איז געשמאַק, אבער באמת איז עס בלויז א גע'גנב'עטער תענוג. וואָס פאַסירט יעצט מיט דעם תענוג? דער תענוג ווערט געפאַנגען ביי די סטרא אחרא, וואָס האַלט עס בשבי'. ווי א געפאַנגענע.

**וואו איז דער פלאַץ פון דעם געפענגעניש?**

אויף דעם דאַרף מען וויסן אז 'בהדי כבשי דרחמנא', מיר ווייסן נישט די סודות פון אויבן. אבער וואָס עס פאַסירט איז, אז די סטרא אחרא צעשפרייט די ניצוצות און די תענוגים - די חלקי הנשמה פון א מענטש - אין גאָר אסאך פלעצער.

**און אָט דאָס איז די סיבה פאַרוואָס ווען א איד טוט 'תשובה' און ער ברענגט צוריק די הייליגע ניצוצות,** דעמאָלטס

דאַווענען מיר "וְקַבְּצֵנוּ יַחַד מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ". דער הייליגער אריז"ל זאגט אויף דעם, אז **ווען מען זאָגט די ברכה פון 'תקע בשופר', זאל מען אינזין האבן צוריקצוברענגען די אַלע ניצוצות.** ווען מיר ווען מצליח זיין צוריקצוברענגען די ניצוצות, וועלן די אַלע חלקים פון אונזער נשמה צוריק ווערן בשלימות.

**ווען אַ אידישע נשמה ווערט צוריק גאַנץ, פּאַסירן צוויי זאכן: ערשטנס, אַלע רוחניות'דיגע תענוגים קומען צוריק. און צווייטנס, אַלע גשמיות'דיגע עניינים ווערן מסודר אויפ'ן בעסטן אופן.**

דאָס מיינט אז דער מענטש הייבט פלוצלינג אן צו שפירן א טעם אינעם לערנען, אינעם דאווענען, ער שפירט א קרבת ה' און א לעכטיגן שבת קודש - ער פילט זיך ממש ווי אין גן עדן. און אויך בגשמיות זעט ער הצלחה אין פרנסה, אין געזונט און אין אַלע עניינים. דאָס אליין ברענגט אויך די ישועה הכללית, ווייל ווען אַלע ניצוצות וועלן צוריקקומען צו די אידישע נשמות, דעמאלטס וועט שוין קומען דער גואל צדק.

## די ארבעט פון 'דור המדבר' אויסצולייזן די ניצוצות

לאמיר יעצט א קוק טון אויף די מ"ב מסעות. ביי די מ"ב מסעות אין מדבר איז געווען א פּלאַץ פון "נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב" (דברים ח, טו), עס זענען דאָרט געווען אַן אומגעהויערע צאָל ניצוצות. **צו וועמען האָבן די דאָזיגע ניצוצות בּאַלאַנגט?** צום 'דור המדבר'. זיי האבן געמוזט צוריק אויפזוכן די אַלע ניצוצות, און ערשט ווען זיי האבן צוריקבאקומען די ניצוצות, האָבן זיי געקענט אריינגיין קיין ארץ ישראל.

דער אוה"ח הק' איז מסביר **פאַרוואָס מיר געפינען אז אין געוויסע פלעצער זענען זיי געווען בלויז א טאָג אדער צוויי, און אין אנדערע פלעצער זענען זיי געבליבן פאַר עטליכע צוואנציג יאָר?!** זאגט דער אוה"ח הק': **עס ווענדט זיך אין וויפיל ניצוצות מען האָט געדאַרפט ארויסנעמען פון געפענגעניש.** אויב זענען דארט געווען אסאך ניצוצות, איז מען געבליבן דארט לענגער, און אויב זענען געווען ווייניג ניצוצות, איז מען געבליבן קירצער.

יעצט לאמיר קוקן אויף 'דור המדבר'. די אידישע קינדער אין מצרים האבן נעבעך געטון עבירות, און נאָך פאַרשידענע זאכן וואָס שטייט אין די ספרים הקדושים וואָס זענען געקומען נאָך פון דור המבול, דור הפלגה און דור אנוש. פון די אַלע עבירות וואָס זיי האבן געטון און געהאַט דערפון א תענוג און א געשמאק, זענען די אַלע געשמאקייטן אריינגעפאַלן אין געפענגעניש. וואו? **אינעם 'מדבר'**.

מיר זענען געווען אינעם מדבר אין א געפענגעניש, אַ מקום "נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב", אין אזעלכע טונקעלע פלעצער. די אידישע קינדער האבן יעצט געדאַרפט גיין אינעם מדבר פודה צו זיין און אויסלייזן די ניצוצות פון זייער נשמה. ווען זיי ענדיגן אויסלייזן זייערע ניצוצות, קענען זיי ענדליך אריינגיין אין ארץ הקודש און אויפבויען דעם בית המקדש.

## די מלחמה פון א איד אין די טונקעלע מאמענטן

יעצט שטעלט זיך אַ שאלה: **ווי אזוי איז מען פודה די ניצוצות?**

דער תירוץ אויף דעם, זאגט דער הייליגער קאזשניצער מגיד: ווען א איד גייט דורך טונקעלע מאמענטן - דאָס מיינט ער שפירט נישט קיין שבת, ער שפירט נישט קיין טעם אין לערנען אדער קיין שום געשמאקייט אין שמירת עינים - און ער גייט אן מיט מסירות נפש, טאקע ווען דער מצב איז טונקל און ער פילט זיך אויסגעטרוקנט, דעמאלטס גייט ער אריין אין א ריכטיגע מלחמה.

עס איז פונקט ווי א סאָלדאַט אדער א גענעראַל וואָס גייט אין מלחמה קעגן דעם שונא. ער האָט נישט וואָס צו עסן אדער טרינקען, ער שלאָפט נישט געהעריג און געפינט זיך נישט אין זיין באקוועם הויז, אבער ער גייט מיט מסירות נפש צו הרג'ענען דעם שונא און ארויסנעמען די געפאַנגענע.

**דאָס זעלבע איז מיט א אידיש קינד:** ער איז א סאָלדאַט, ער איז גענעראַל, און אפילו ווען ער שפירט נישט קיין טעם אין לערנען אדער דאווענען, גייט ער ווייטער אָן מיט מסירות נפש אויסצולייזן די ניצוצות. דאָס האבן די אידישע קינדער געטון אינעם מדבר. אין יעדן פּלאַץ וואו זיי זענען אָנגעקומען, האבן זיי געלערנט, געדאַווענט און עוסק געווען אין תיקון המידות, אפילו ווען עס איז געווען שווער און טונקל. דורך דעם האבן זיי אויסגעלייזט זייערע ניצוצות, משלים געווען זייערע נשמות, און נאָכדעם האבן זיי געקענט אריינגיין אין ארץ הקודש.

זאגט דער הייליגער קאזשניצער מגיד: **יעדער איד דאַרף דורכגיין די מ"ב מסעות אין זיין לעבן.** דאָס מיינט אז יעדעס מאָל ווען עס גייט אים נישט דאָס דאווענען, אדער ער האָט שווערע נסיונות אין שמירת עינים אדער שמירת הלשון, זאל ער וויסן אז ער דאַרף גיין מיט מסירות נפש, ווייל יעצט איז ער פודה די ניצוצות.

בסייעתא דשמיא, ווען ער וועט פודה זיין די ניצוצות און זיין חלק הנשמה וועט צוריקקומען, וועט ער פלוצלינג אנהייבן לערנען און דאווענען מיט אן אמת'ן געשמאק, דער שבת וועט ווערן לעכטיג, און פלוצלינג וועט ער זען א גרויסע ישועה אין פרנסה, אין געזונט און אין נחת.

## די סגולה פון די דריי וואכן און די מ"ב מסעות

דער קאזשניצער מגיד ברענגט בשם דעם הייליגן **גרויסן מגיד** א סוד נורא:

די דריי וואכן, די 21 טעג פון ימי בין המצרים, האבן 12 שעה בייטאג און 12 שעה ביינאכט. 21 טעג און 21 נעכט צוזאמען זענען 42 - דאָס זענען די מ"ב מסעות. ער ברענגט פונעם גרויסן מגיד, אז **אויב א איד לייגט אריין כוחות אין די דריי וואכן און ער פאררעכט די 42 טעג און נעכט, קען ער מתקן זיין זיינע מ"ב מסעות, און אַלע ניצוצות קומען צוריק צו זייער פלאץ. אבער דאָס קען מען נאר טון אין די דריי וואכן.**

פרעגט דער קאזשניצער מגיד: **פאַרוואָס טאקע נאָר דעמאלטס?**

זאגט ער אז דער גרויסער מגיד האָט געענטפערט: **ווייל יעצט איז שווער און טונקל.** דאָס זענען די דריי

וואכן פונעם חורבן בית המקדש, מען הערט נישט קיין מוזיק, מען פראַוועט נישט קיין חתונות, און אין די ניין טעג עסט מען נישט קיין פלייש און מען טרינקט נישט קיין וויין. בחיצוניות זענען דאָס נישט קיין געשמאַקע טעג, אבער ווען דו ביסט זיך מתגבר און דו גייסט מיט מסירות נפש, ווייזסטו אַן אמת'ע געטריישאפט צום הייליגן באשעפער.

ער זאגט אז אויב דו וועסט יעצט לערנען און דאווענען מיט אַ שמחה פנימיות - אפילו ווען בחיצוניות קענסטו נישט הערן קיין מוזיק אדער גיין צו אַ חתונה - וועסטו משמח זיין דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא און מתקן זיין אַלע מ"ב מסעות.

דאָס מיינט אז **אין די דריי וואכן ליגן ריכטיגע בריליאנטן מיט וואָס א מענטש קען פאַרריכטן זיין גאַנץ לעבן. ער קען צוריקברענגען אַלע חלקי הנשמה פון די עבירות פון דעם גלגול און פון פריערדיגע גלגולים, ער וועט אָנהייבן פילן א מורא'דיגן תענוג אין עבודת ה', און ער וועט האבן ישועות בגשמיות - אין פרנסה, אין געזונט און אין אַלעס וואָס ער דאַרף.**

ברענגט ער פונעם גרויסן מגיד א מורא'דיגן רמז. אין פסוק שטייט (איכה א, ג) "כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים", פשוט פשט מיינט עס, אז די גויים וואָס האָבן נאכגעיאָגט די אידישע קינדער, האבן נעבעך משיג געווען די אַלע צרות און דעם חורבן בית המקדש מיט אַלעס וואָס איז געשען דעמאלטס.

קומט אבער דער גרויסער מגיד און זאגט נאך אַ פשט: 'כָּל רֹדְפֶיהָ' זענען די אותיות 'כל רודף י-ה', דאָס מיינט דער וואָס וויל נאָכלויפן דעם אייבערשטן און שפירן אַ קרבת ה', ער וויל האבן א ישועה אין אַלע ענינים, 'הִשִּׂיגוּהָ' - ער וועט דאָס משיג זיין, 'בֵּין הַמְּצָרִים' - דווקא אין די דריי וואָכן. און טאקע ווייל די דריי וואכן זענען בחיצוניות טונקעלע טעג, און מ'איז זיך מתאבל אויפן חורבן בית המקדש, אויב דו וועסט זיך מוסר נפש זיין און יאָ דאווענען און לערנען מיט א געשמאק, פראַווען א געשמאקן שבת קודש, און דאָס היטן מיט שמירת עיניים און שמירת הדיבור מיט א געשמאק, וועסטו זוכה זיין מתקן צו זיין אַלע דיינע עבירות ומעשים.

ממילא וועט מען האבן א כלליות'דיגע ישועה סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, ביז מ'וועט זוכה זיין אז תשעה באב וועט נתהפך ווערן לששון ולשמחה. דאָס וועט זיין די בחינה פון 'יחודא שלים', ווי עס ווערט שוין געברענגט פונעם הייליגן **רבי ר' פנחס'ל קאריצער** זי"ע און נאך, אז 'תשעה באב' איז כנגד 'שמיני עצרת', וואָס דאָס איז די בחינה פון 'יחוד השלום'. דעמאלטס איז געבוירן געווארן די נשמה פון 'משיח', און אין יענע צייט ווערט נולד די נשמת משיח אין דאָס הארץ פון יעדן אידיש קינד, מען זאל זוכה זיין צו א גאולה פרטית און א גאולה כללית מיט אַלעס גוטס, אמן ואמן!

## בין המיצרים

# די ספעציעלע באהאלטענע אוצרות וואס ליגן אין די 'דריי וואכן' • חלק ב'

### "קָרָא עָלַי מוֹעֵד": וואס איז דער ריכטיגער בליק אין די טעג?

מיר האבן שוין אויסגעשמועסט אינעם פאָריגן גליון אז בעצם זעט דאָס אויס ווי א סתירה: מצד אחד זענען מיר מתאבל אויפ'ן חורבן בית המקדש, אבער מצד שני געפינען מיר אז תשעה באב ווערט אָנגערופן א 'מועד', ווי עס שטייט אין איכה (א, טו) "קָרָא עָלַי מוֹעֵד".

מיר זעען טאקע אין **ירושלמי** (ברכות פ"ב, ה"ד) און אין **מדרש איכה** אז משיח איז געבוירן געווארן תשעה באב (ווי עס ווערט געברענגט אין **כל בו** און אין **בית יוסף** או"ח סי' תקנ"ד ועוד), און מען זאגט נישט קיין 'תחנון' תשעה באב און אפילו נישט ערב תשעה באב (עי' סי' תקנ"ב סי"ב ותקנ"ט ס"ד). דארף מען טאקע פארשטיין 'בדרך עבודה', וואס איז דער ריכטיגער בליק און וואס דאַרפן מיר טון כדי זוכה צו זיין צו טון דעם רצון ה', און מקרב זיין דעם בנין בית המקדש השלישי.

### דער 'שורש' פון אלע ימים טובים זענען די דריי וואכן

דער הייליגער **אוהב ישראל** אין פרשת פנחס זאגט דברים נוראים וועגן אָט די איין און צוואנציג טעג און ער איז מגלה סודות נפלאים, ובס"ד וועלן מיר דאָס מרחיב זיין.

יעדער ווייסט אז יעדער בנין האט א 'יסוד', און יעדער בוים אדער פְּרִי וואס וואַקסט האָט א 'שורש'. לענינינו פרעגט דער הייליגער אוהב ישראל: **וואס זענען די שרשים פון די 'ימים טובים'?**

זאגט דער הייליגער אַפּטער רב אַ געוואַלדיגן סוד: **די שרשים פון אלע ימים טובים זענען די דריי וואכן**, די איין און צוואנציג טעג. ער מאַכט א חשבון: שבת, ראש חודש, זיבן טעג פסח, שבועות, צוויי טעג ראש השנה, יום כיפור, און אַכט טעג סוכות - צוזאַמען

זענען דאָס איין און צוואנציג טעג. דאָס איז פשט אין וואס **דוד המלך** ע"ה זאגט אין תהלים (עג, א): "אַךְ טוֹב לְיִשְׂרָאֵל וגו'" - 'טוֹב' מיינט די ימים טובים, און 'אַךְ' איז די גימטריא פון 21. די איין און צוואנציג טעג זענען ימים טובים פאר אידישע קינדער.

יעצט לאמיר אבער אויסגעפינען ווער עס איז דער 'שורש' דערפון.

זאגט דער הייליגער אַפּטער רב, זצ"ל: "**ואלו הכ"א יום שבין המצרים שורשים להם**". די דריי וואָכן, די איין און צוואנציג טעג פון ימי בין המצרים, זענען דער שורש פון אַלע ימים טובים. מיר אלע ווייסן אז א שורש מיינט אז עס איז פיל שטערקער און העכער. קומט אויס אז **די דריי וואכן זענען העכער פון אלע ימים טובים!**

### "מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ": די באהאלטענע אוצרות פון 'טוב' אין די דריי וואכן

לאמיר דאָס אביסל מער מסביר זיין.

אין אַן אנדערע קאפיטל אין תהלים זאָגט דוד המלך "מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ" (לא, יט). דוד המלך זאָגט אז דער רבוש"ע האָט אַוועקגעלייגט נישט סתם גוטס, נאָר 'רַב טוּבְךָ', זייער אַסאַך גוטס, וואס איז בּאַהאַלטן 'לִירֵאֶיךָ', פאַר די יראי שמים.

זאָגט דער הייליגער אַפּטער רב, אז דאָס גייט אויך ארויף אויף די ימים טובים. די ימים טובים ווערן אָנגערופן 'טוב', אבער די איין און צוואנציג טעג פון ימי בין המצרים זענען 'רַב טוּבְךָ', זיי זענען נאָך פיל מער ווי די ימים טובים. וואו זענען זיי בּאַהאַלטן? 'צָפַנְתָּ' מיינט סיי בּאַהאַלטן און סיי 'צפון'. מיר אלע ווייסן אז פון צפון קומט גאלד, אזוי ווי עס שטייט אין **זוהר הק'** (תיקוני זוהר דף ס"ט) "מצפון זהב יאתה". פון צפון קומט גאָלד.

וואָס איז דער ביאור הענין?

מיר ווייסן אז עס איז דא א חילוק צווישן גאָלד און זילבער: ערשטנס, גאָלד איז טייערער פון זילבער. צווייטנס, גאָלד איז פיל שווערער צו געפינען ווי זילבער. דריטנס, נישט נאָר עס איז שווערער צו געפינען, נאָר ווען מען טרעפט שוין יא דאָס גאלד, דויערט עס א לאַנגע צייט ביז מען רייניגט עס אויס. מיר געפינען אין **מדרש** אז ביי דער 'משכן' האָט מען עס געדאַרפט רייניגן טויזנט מאָל. קומט אויס אז גאָלד איז טייערער, אבער עס פאַרלאַנגט אַ שווערערע ארבעט.

זאגט דער הייליגער אַפּטער רב: די איין און צוואנציג טעג פון ימי בין המצרים זענען 'רַב טוּבְךָ', זיי זענען מורא'דיג גוט, פיל מער פון די ימים טובים. 'אֲשֶׁר צָפַנְתָּ' - זיי זענען יעצט בּאַהאַלטן. און דער שורש האותיות פון דאָס ווארט **צפנ"ת** איז **צפ"ן** (-צפון), דאָס קומט מרמז זיין אז די טעג זענען אזוי ווי דאָס גאלד וואס קומט פון 'צפון', עס איז שווער צו געפינען און מען דאַרף עס אַסאַך רייניגן, אבער נאָכדעם וואס מען רייניגט עס אויס, בלייבט דאָס ריינע גאָלד.

דער הייליגער אַפּטער רב איז מסביר, אז בעולם הזה, אין די שיתא אלפי שנין פון די ימי הגלות, האבן מיר נאָך נישט זוכה געווען צו די געהויבענע טעג פון די דריי וואָכן, וואס זענען בבחינת זהב, ווייל מיר האַלטן נאך נישט ביי יענע מדריגה. דער אייבערשטער זאגט: "איך בּאַהאַלט עס אויף לעתיד לבוא".

### "הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם": דורך 'תשובה'

אוודאי וועט יעדער פרעגן: **וויאזוי קען מען זוכה זיין דערצו? וואס קען מקרב זיין די גאולה אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די הייליגע דריי וואכן וואס**



**זענען בבחינת זהב?**

זאגט דער הייליגער אַפּטער רב: אוודאי דאַרף מען מקונן זיין אויפן חורבן בית המקדש, אבער מען דאַרף וויסן אז דער עיקר איז תשובה ומעשים טובים. ווי מיר ענדיגן די קאַפּיטלעך פון איכה (ה, כא) מיט'ן פסוק "**הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם**" – מיר גייען תשובה טון וויל דאָס איז די תכלית פון די קינות, און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו 'חדש ימינו כקדם'. ווען אַ מענטש טוט תשובה און מעשים טובים און נעמט אוועק די זוהמה פון דעם 'זהב', דעמאָלטס ווערט נתגלה ווערן דאָס 'רב טוב הצפון', און מיר וועלן זוכה זיין צו אַלע ישועות בבנין בית המקדש השלישי בקרוב.

און ער דריקט זיך אויס מיט די ווערטער: "**ואז יהיו הכ"א ימים, ימים טובים גדולים ונוראים אשר אין להעריך**" - מען קען זיי גארנישט מעריך זיין. "**והמקור והשורש לכל הכ"א ימים טובים שלנו אותם בזמן הזה**" - דאָס איז דער שורש פון אלע ימים טובים. און ער פירט אויס: "**ועל כולם יהיה תשעה באב למועד יותר גדול**", תשעה באב וועט זיין דער גרעסטער יום טוב.

**שריפת בית אלוקינו אין די דריי וואכן - וויל די גוים האָבן נישט געוואָלט אז אידן זאָלן מגלה זיין די דאָזיגע איין און צוואנציג טעג**

יעצט לאמיר זיך מתבונן זיין אין די קריאה פון די דריי וואָכן. מיר ווייסן אז אין די דריי וואָכן לייענט מען די פרשיות: פנחס, מטות-מסעי, און דברים. דעמאָלטס זאגט מען אויך די דריי הפטורות פון 'תלת דפורענותא': 'דברי', 'שמעו', און 'חזון'.

ווען מען קוקט אריין אין פרשת פנחס, זעט מען אז דאָרט שטייט די פרשה פון אַלע ימים טובים. פרעגט דער הייליגער אַפּטער רב: **פאַרוואָס פונקט אין די דריי וואכן, ווען מען איז מקונן אויפן חורבן בית המקדש, לייענט מען די פרשה פון אלע ימים טובים?**

זאגט ער, אז לויט ווי מיר האבן פריער געשמועסט פאַרשטייט מען דאָס זייער גוט: **אדרבה, וויבאַלד די דריי וואָכן זענען דער מקור און דער שורש פאַר אלע ימים טובים, און נאָך העכער פון זיי, וועט מען לעתיד לבוא זוכה זיין נהנה צו זיין פון די הייליגע טעג און זען די גרויסקייט פון די דריי וואכן.**

לויט דעם הייליגן אַפּטער רב פאַרשטייט מען יעצט זייער גוט פאַרוואָס האבן די גוים זיך דייקא פאַרלייגט דייקא אויף די דריי וואכן - "בשבעה עשר בתמוז הובקעה העיר" (מסכת תענית פ"ד, מ"ו), און די שריפת בית אלוקינו, סיי ביי בית המקדש ראשון און סיי ביי בית המקדש שני, איז געווען דייקא אין 'תשעה באב'? דער תירוץ איז זייער פשוט: **וויל דאָס זענען די העכסטע טעג.**

'מזלייהו חזי' - די כוחות הטומאה האבן געשפירט אז דייקא די דריי וואכן זענען די העכסטע טעג פונעם יאָר. זיי האָבן נישט מחריב געווען דעם בית המקדש אום פסח, שבועות, סוכות, אדער ראש השנה און יום כיפור, זיי האבן אויסגעקליבן דייקא די דריי וואכן וואס זענען דער 'שורש' פון אלע ימים טובים. דאָרט געפינען זיך די שטיקלעך גאָלד, און דוקא אין די טעג האבן זיי ליידער אָנגעברענגט דעם שרעקליכן חורבן בית המקדש.

ווי מיר האבן שוין געשמועסט אין דעם מאמר 'בנין בית המקדש' בשם דעם הייליגן **אלשיך הקדוש** (אין פרשת יתרו), אז בעצם ווען כלל ישראל זענען ארויס פון מצרים, האט מען געדאַרפט ווארטן דריי חדשים כדי דער אייבערשטער זאל חתונה האבן מיט זיי. דער ערשטער שלב איז געווען נאך ניין און פערציג טעג, דאָס איז געווען ביי מתן תורה, וואס דאָס איז געווען די בחינה פון 'קידושין'.

דערנאָך האט געדאַרפט זיין דער צווייטער שלב, די 'נישואין', וואס דאָס וואלט געדאַרפט זיין פערציג טעג שפּעטער, שבעה עשר בתמוז - וואס דאָס איז שוין נאָך דריי חדשים. פונקט ווי מען וואַרט ביי א שבויה, א געפאַנגענע, אדער אַ גיורת דריי חדשים כדי חתונה צו האָבן מיט א אידיש קינד, אזוי אויך האט דער רבוש"ע געוואַרט דריי חדשים כדי מיר זאָלן ווערן אינגאַנצן אויסגעריינוגט פון די זוהמה פון מצרים. דעמאָלטס האט דער רבוש"ע געוואלט חתונה האבן מיט אידישע קינדער מיט אַ שלימות, ווען משה רבינו וואלט אַראָפּגעקומען מיט די לוחות און עס וואָלט געווען דער 'גמר הנישואין', אבער למעשה איז דאך ליידער געווען די שבירת הלוחות, און מיר האבן נישט זוכה געווען דערצו.

אבער ביסודו האט שבעה עשר בתמוז געדאַרפט זיין דער ערשטער טאָג פון דעם גמר הנישואין. דעמאלטס וואלט געווען א יום טוב פאַר דריי וואכן צייט, דאָס וואלט אָנגעהאלטן איין און צוואנציג טעג ביז תשעה באב, און תשעה באב וואָלט געווען דער שפּיץ פון די חתונה. אבער היות מיר האבן נישט זוכה געווען, איז עס באַהאַלטן געווארן. דאָרט איז אבער געווען דער מקור פון די באַהאַלטענע שטיקלעך גאָלד. די גוים האָבן נישט געוואָלט אז אידן זאָלן מגלה זיין די דאָזיגע איין און צוואנציג טעג, דעריבער האָבן זיי דוקא דעמאָלטס חרוב געמאַכט דעם בית המקדש.

## אונזער עבודה

און דעפאַר, וויל די גוים האָבן געשפירט אז די איין און צוואנציג טעג זענען די העכסטע טעג פון יאָר, וואו עס געפינען זיך די איין און צוואנציג שטיקלעך גאָלד, איז אונזער עבודה איצט אין די טעג ווען עס איז געווען דער חורבן בית המקדש, אריינצוהאָרעווען אין תורה ועבודה. אוודאי מקיים זיין די קינות אויפ'ן חורבן בית המקדש, און עס דאַרף אונז ווייט טון די שריפת בית אלוקינו, אבער **דער עיקר איז - ווי דער הייליגער אַפּטער רב זאגט:**

**מאַכן א טויש, אַ שינוי לטובה, דורך תשובה ומעשים טובים.**

מיר דאַרפן זיך נעמען דינען דעם אייבערשטן, טוישן אונזער גאנצן בליק אויפ'ן לעבן און אונזערע אלע מושגים. און אוודאי דאַרף מען תשובה טון אויף עבירות, און הייבן אונזערע מצוות ומעשים טובים, אונזער התמדה בתורה הקדושה און אונזער קדושת שבת. דורך דעם רייניגן מיר די שטיקלעך גאלד, און מיר וועלן צוריקבאַקומען די 21 טעג וואס די גוים האבן געוואָלט צונעמען פון אונז, און מיר וועלן זוכה זיין צום 'ושמחת עולם על ראשם', במהרה בימינו, אמן!

# מחלוקת

# פון מחלוקת אנטלויפט מען ווי פון א פייער!

**דער וואונדערליכער 'איש השלום' - דער גאון ישראל רבי שלמה זלמן אויערבאך זצוק"ל**

אין די יעצטיגע טעג ווען מיר זענען עוסק מתקן צו זיין אונזערע מעשים בכלל, און זיך צו שטארקן אין אהבת חינם בפרט, איז כדאי צו ברענגען א מורא'דיגע מעשה איבער די געוואלדיגע מעלה פון שלום און דאס וויכטיגקייט פון אנטלויפן פון מחלוקת ממש ווי פון פייער.

דער גאון ישראל, **רבי שלמה זלמן אויערבאך** זצוק"ל, איז געווען אַן 'איש השלום' אין פולן זין פון וואָרט. ער האט זיך אויסגעקומען מיט יעדן איינעם איינאיינוועגס, סיי מיט די ליטווישע, ספרד'ישע, חסיד'ישע אדער אשכנז'ישע קרייזן. עס איז דאָ א מורא'דיגע מעשה וואס ברענגט דאָס ארויס.

אין ספר **גאון ישראל** ווערט געברענגט, אז זיין אייניקל איז אַמאָל אריינגעקומען אין שטוב און געזען ווי זיין זיידע, דער פוסק הדור, זיצט ארומגענומען מיט א גרופע יונגעלייט וואס האבן ממש געשריגן אויף אים. זיי האבן אים כאילו 'מחנך' געווען איבער אַ געוויסן פסק וואס ער האט דעמאָלטס מפרסם געווען, טענה'נדיג אז ער מוז צוריקציען און מ'טאָר אזא פסק נישט ארויסגעבן.

דער זיידע, רבי שלמה זלמן, איז געזעסן מיט אַ געוואלדיגע רואיגקייט און געלאַסנקייט, ער האט זיי אויסגעהערט עד הסוף אבער אָן ענטפערן אפילו איין ווארט! דערנאָך האט ער זיי העפליך ארויסבאַגלייט פון שטוב.

ווען ער איז צוריק אריין אין צימער, האט אים דער אייניקל געפרעגט מיט וואונדער: "זיידע, פון וואו נעמט מען אזעלכע כוחות הנפש זיך אזוי צו באַהערשן?"

האט אים רבי שלמה זלמן געענטפערט: **"איך בין אזוי נתחנך געווארן פון אַלס קליין קינד, אז פון 'מחלוקת' אַנטלויפט מען ווי פון אַ פייער, און מען פאַקט פעק באותו יום!"**

**די אזהרה פונעם הייליגן חפץ חיים זי"ע**

**רבי שלמה זלמן האט אים דאַן דערציילט די פאָלגנדע מעשה:**

**רבי אהרן כהן** זצ"ל, דער איידעם פונעם רבן של כל בני הגולה, דער הייליגער **חפץ חיים** זי"ע, איז איין טאג אָנגעקומען קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין ירושלים עיה"ק, אין די געגנט פון 'שערי חסד'. דער עולם האט אים אויפגענומען מיט אַ מורא'דיגע התרגשות.

אבער נאָך קוים צוויי חדשים איז ער פלוצלינג נעלם געווארן - 'ואיננו'. מ'האט אים מער נישט געזען. מען איז געגאַנגען קלאַפן ביי אים אין שטוב אבער קיין ענטפער איז נישט געווען. מ'האט מחליט געווען אויפצוברעכן די טיר, און מ'האט געזען אז די גאנצע שטוב איז ליידיג. מ'האט אָנגעהויבן נאָכפרעגן וואס דא גייט פאָר, ביז מ'איז געוואויר געווארן אז נישט לאַנג בעפאָר האט ער גענומען א טעקסי צום שטאָט 'יפו'. מ'האָט שנעל געשיקט אַ שליח קיין יפו אויסצוגעפינען וואס דאָ טוט זיך, און רבי אהרן כהן האט צוריקגעשיקט מיט'ן שליח א מורא'דיגע תשובה.

ער האט דערציילט, אז פאַר ער איז ארויפגעפאָרן קיין ארץ ישראל, האט ער געפרעגט זיין הייליגן שווער, דעם חפץ חיים: וואו זאל ער וואוינען? אין צפת, טבריא, ירושלים, וכו'?

האט אים דער חפץ חיים געזאגט: **"דו קענסט וואוינען וואו דו ווילסט, אבער גיב מיר דיין האנט און זאָג מיר צו מיט אַ 'תקיעת כף', אז אויב עס ווערט דאָרט א 'מחלוקת', זאלסטו נאך יענעם זעלבן טאָג פאַקן די פעק און אַנטלויפן פון דאָרט!"**

**"פאַרגאנגענע וואָך"** - האט רבי אהרן כהן ממשיך געווען - **"איז געוואָרן א שטיקל מחלוקת אין בית המדרש וועגן די גבאים, יעדער האָט געהאַט א צווייטע מיינונג. האב איך זיך דערמאַנט וואָס איך האָב צוגעזאגט פאַר מיין שווער, און באותו יום האב איך געפאַקט מיינע פעק און בין אוועקגעפאָרן פון ירושלים..."**

האט רבי שלמה זלמן אויסגעפירט פאַר זיין אייניקל: "אזוי בין איך נתחנך געווארן. ווען איך וואָלט זיי געענטפערט, וואָלט זיך אָנגעצונדן אַ פייער פון מחלוקת. אבער איך בין נתחנך געווארן, אז אויף א מחלוקת פאַקט מען פעק און מ'אַנטלויפט. דאָס איז געווען מיין כח זיי נישט צוריק צו ענטפערן".

**לאמיר זיך מתגבר זיין אין די טעג מיט אהבת חינם און מתקן זיין שנאת חינם, ביז מיר וועלן בס"ד נאך היי יאָר זוכה זיין צום בנין ציון וירושלים, אמן!**

# מען וואַרט אויף ריין שטיינדל!

**"כל מי שלא נבנה בית המקדש בימיו, כאילו נחרב בימיו": אפילו אין די דורות פון די גרעסטע צדיקים!**

יעצט אין די ימי בין המצרים, די דריי וואָכן, פרעגט זיך יעדער איד די זעלבע שאלה: **וואס קען 'איך' טון ארויסצוהעלפן מען זאָל שוין ענדליך אויפבויען דעם בית המקדש?**

דער הייליגער **אלשיך הקדוש** - ווי עס ווערט אויך אַראָפּגעברענגט פונעם הייליגן **קאזניצער מגיד** אין זיין ספר עבודת ישראל (פרשת נח) - שטעלט אוועק אַ מורא'דיגן יסוד. ער ברענגט אַראָפּ די **ירושלמי** (יומא, פרק א') וואס זאגט: **"כל מי שלא נבנה בית המקדש בימיו, כאילו נחרב בימיו"**. אויב דער בית המקדש איז נישט אויפגעבויט געוואָרן אין זיינע טעג, ווערט עס גערעכנט כאילו עס וואלט חלילה חרוב געוואָרן אין זיינע טעג.

דער **ילקוט** לייגט נאָך צו דעם טעם הדבר: **"מפני מה? מפני שלא עשו תשובה"** - די סיבה דערצו איז ווייל מען האָט נישט תשובה געטון.

אויף דעם פרעגט דער הייליגער אלשיך א שטאַרקע קשיא: מיר ווייסן דאָך אז עס זענען געווען דורות פון הייליגע תנאים, אמוראים, ראשונים און אחרונים, דער הייליגער בית יוסף, דער רמ"א, און די גרעסטע צדיקים וקדושים וואָס כלל ישראל האט נאָך געהאט, און דאָך איז דער בית המקדש נישט אויפגעבויט געוואָרן אין זייערע צייטן, **קען מען דען חלילה זאָגן אז עס איז כאילו נחרב געווארן אין זייערע טעג?**

**ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה 'בימינו' - מיט אונזערע אייגענע טעג**

**ענטפערט דער הייליגער אלשיך מיט אַ געוואלדיגן יסוד:**

דער בית המקדש השלישי גייט אַראָפּקומען דורך אַ סדר וואו דער רבוש"ע גייט צוזאַמנעמען אַלע טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן פון יעדע אידיש קינד. דער אייבערשטער גייט צוזאַמנעמען יעדע אות תורה, יעדע מצוה, יעדע ברכה וואס מען האָט געזאָגט מיט כוונה, און יעדער מאָל וואס אַ איד האָט מנצח געווען דעם יצר הרע. פון די אַלע זאַכן גייט מען אויפבויען דעם בית המקדש השלישי.

**אבער**, זאָגט דער אלשיך, **עס טאָר נישט פעלן קיין איין איינציג שטיינדל!**

זאָגט דער הייליגער אלשיך, אז דאָס איז פשט אין די ווערטער פונעם ירושלמי: "כל מי שלא נבנה בית המקדש **בימיו**". ער איז מדייק דאָס וואָרט **'בימיו'** - ד.מ. מיט זיינע אייגענע פריוואַטע טעג.

אַ מענטש דאַרף טראַכטן צו זיך אזוי: לאָמיר זאָגן אז דער רבוש"ע וויל יעצט אַראָפּשיקן דעם בית המקדש השלישי, עס האַלט שוין ממש ביים



ענדיגן, אבער עס פעלט נאָך 'איין קליין שטיינדל' צו מאכן דעם בנין בשלימות. פאַרוואָס פעלט דאס שטיינדל? **ווייל עס פעלן 'דיינע' 'פריוואַטע' טעג!**

דאָס לערנט אונז דער ירושלמי, אז יעדער מענטש דאַרף מאַכן א חשבון הנפש ביי זיך און זאָגן: **"איך וויל נישט זיין דער וואָס האַלט צוריק דעם בנין בית המקדש השלישי מיט מיינע טעג!"**

יעצט אין די דריי וואכן, ווען מיר זוכן און האָפן צו זען דעם בנין בית המקדש השלישי, לאמיר מאַכן זיכער אז דער בית המקדש ווערט אויפגעבויט מיט אונזערע טעג. דורך מאַכן א ברכה מיט כוונה, דורך יעדער מלחמת היצר, יעדער 'סור מרע' און יעדער 'עשה טוב', און סיי וואָספאַראַ פעולה. און בעז"ה וועלן מיר זוכה זיין צום "ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה **בימינו**" - מיט אונזערע אייגענע פריוואַטע טעג, בקרוב, אמן!

## טבריא של מעלה

**די רייכע היסטאריע פונעם עיה"ק 'טבריא של מעלה', א בליק אויף די צדיקים וואס האבן באלאכטן דעם ישוב, און די קדושי עליון וואס זענען דארט נטמן געווארן**

# הרה"ק רבי ר' מנחם מענדל מוויטעבסק זי"ע

## בעמח"ס פרי הארץ

### פרק ו': המשך - די געוואַלדיגע גדלות פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע זי"ע בפי הצדיקים, און דער קשר איתן צווישן אים און דעם הייליגן בעל התניא זי"ע, און דאס ארויספאָרן פון חו"ל קיין ארץ הקודש

#### פועל'ן ישועות פאר כלל ישראל דורך 'הרחבת הדעת'

ווי מיר האבן שוין פריער געשמועסט, האָבן מיר זוכה געווען צו די אַלע הייליגע 'מכתבי קודש' וואָס די צדיקים האָבן אליין געשריבן. דאָס אַלעס איז ממש 'סולת נקי'. און אזוי ווי זיי האבן דאָס אליין מיט זייער אייגענער האנט געשריבן, איז אַסאַך מאָל 'הקולמוס פולטתו', האבן זיי ארויסגעשריבן - נישט כאַפּענדיג - פון זייערע הויכע מדריגות.

אין **מכתב ח'**, וואס איז געשריבן געווארן אום ד' אדר שנת תקמ"ב - ווען דער הייליגער רבי ר' מענדלע איז שוין געווען אין טבריא - שרייבט ער קיין חוץ לארץ בזה הלשון: **"להיות ידיעה למעלתם, כי אם תהיה דעתינו צלולה בארץ הקודש בהרחבה בלי טרדת הפרנסה... יהיה תועלת גדול לנו ולכל ישראל"**. דאָס הייסט, אז אויב מיר וועלן האבן אַן 'הרחבת הדעת' צו דינען דעם אייבערשטן אין ארץ הקודש, וועט דאָס ברענגען א געוואַלדיגע תועלת פאַר אונז און פאַר גאַנץ כלל ישראל.

דער הייליגער רבי ר' מענדלע שרייבט דאָ אז **דורך דעם וואס ער וועט האָבן הרחבת הדעת, וועט זיין אַ תועלת פאַר גאנץ כלל ישראל!**

דאָס שטימט מורא'דיג מיט די מעשה ווען דער הייליגער **רבי ר' ברוך'ל** איז געווען ביי אַן אסיפה פון צדיקים, וואו מ'האט געזוכט עצות ווי אזוי אויפצוהייבן דעם קרן ישראל אין חוץ לארץ. האט דער הייליגער רבי ר' ברוך'ל אינאיינעם מיט די אנדערע צדיקים מחליט געווען, אז מ'וועט שיקן אַ גאלדענע קייט פאַר די פערד-און-וואָגן פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע, און דורך דעם וועט קומען אַן עליה פאַר אלע אידן אין חוץ לארץ.

#### דער וואונדערליכער מופת אויף זרע של קיימא

עס איז דאָ א וואונדערליכער בריוו, **מכתב י"ח**, וואס דער הייליגער רבי ר' מענדלע האָט געשריבן אין יאר תקמ"ה צום שד"ר **רבי יעקב סמילאנער**. דער דאָזיגער שד"ר האט זיך ממש מוסר נפש געווען צוזאַמצושטעלן געלטער פאַר קופת ארץ ישראל פאַר'ן הייליגן רבי ר' מענדלע מיט'ן הייליגער קאליסקער און די חבריא, אבער אין יענע צייט איז ער לײדער נאָך נישט געהאָלפן געווארן מיט קיין זרע של קיימא. האָט ער געשריבן אַ בריוו צום הייליגן רבי ר' מענדלע, זאָגנדיג אז "ער גלייבט באמונה שלימה אז דער רבי קען גוזר זיין ער זאָל האבן קינדער".

שרייבט אים רבי ר' מענדלע צוריק אזוי: דער הייליגער **בעש"ט הק'** האט געהאַט א כח צו גוזר זיין, **"מקדמונים לא קם כמוהו ואחריו לא יקום"**. רבי ר' מענדלע האט דאָרט געשריבן פלא'דיגע לשונות איבערן בעל שם הק'. (מיר האבן שוין מאריך געווען אין אַן אנדערע פרק איבער דעם ביאור וואס דער הייליגער **רוז'ינער** האט געזאגט אויף דעם דאָזיגן בריוו).

לאמיר ממשיך זיין צום צווייטן חלק פונעם בריוו. זאגט דער הייליגער רבי ר' מענדלע אזוי: **"כשאני לעצמי, מה אני"** - איך האַלט אז איך בין גאָרנישט ווערד. אבער, זאגט ער פאַר רבי יעקב סמילאנער, **"אתה מוטל עליך להאמין שאנחנו צדיקים ועוסקים בתורה ובעבודה תחת שערי שמים" - דו מוזט גלייבן אז מיר זענען צדיקים און מיר זענען עוסק בתורה ובעבודה אונטער די שערי שמים!**

ער פירט אויס: **"בודאי יהיה לך בנים"** - דו וועסט זיכער האבן קינדער. ער שרייבט אים דאָרט צו, אז ער וועט זיכער זוכה זיין צו עולם הבא, סיי ווייל דער **זוהר הק'** זאגט אז מ'קען נישט

זוכה זיין צו עולם הבא אן קינדער, און סיי צוליב דעם מאמר **חז"ל** (יומא פ"ז) פון "כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו". ער שרייבט אים דאָרט גאנצע תנחומים און זאָגט אים צו מיט אַ זיכערקייט אז ער וועט האָבן קינדער.

פאַרשטייט זיך אליין אז רבי יעקב סמילאנער איז געהאָלפן געווארן, און מיר זעען דאָס טאקע אין א צווייטן בריוו וואו דער הייליגער רבי ר' מענדלע שרייבט אים: "דו האסט מיר געשריבן וועגן דיין '**ילד שעשועים**'...". מיר זעען אַלזאָ אז דער שד"ר רבי יעקב סמילאנער איז טאקע געהאָלפן געווארן.

דער מופת איז נישט סתם אַ מעשה וואס מ'האט איבערגעגעבן דורך דורות, נאָר עס שטייט שווארץ אויף ווייס געשריבן דורך רבי ר' מענדלע אליין אין די בריוו!

## דער קשר איתן צווישן דעם הייליגן בעל התניא מיט'ן רבי ר' מענדלע

ווי באַקאַנט האט זיך דער הייליגער **בעל התניא**, נאָך די פטירה פונעם מגיד, מבטל געווען צום הייליגן רבי ר' מענדלע מיט אַ מורא'דיגע ביטול. דער הייליגער **ריי"ץ** פון **ליובאוויטש** זי"ע ברענגט אַראָפּ אז ביי זיי איז מקובל, אז דער הייליגער בעל התניא האט געזאָגט אז "**ווען ער פאָרט צום הייליגן רבי ר' מענדלע, פאָרט ער מיט אזא געוואלדיגע ביטול ממש ווי אַ פשוט'ער דאָרפסמאַן וואס פאָרט צו זיין רבי'ן אויף שבת!**"

די דביקות פונעם הייליגן בעל התניא צום רבי ר' מענדלע איז געווען זייער גרויס. אזוי ווייט, אז ווען ער האָט אויסגעפונען אז רבי ר' מענדלע מיט'ן קאליסקער פאָרן קיין ארץ ישראל, האט ער גענומען זיין גאַנצע שטוב, אינאיינעם מיט זיינע ברידער **רבי יהודה לייב**, **רבי מרדכי** און **רבי משה** מיט זייערע גאַנצע משפחות, און אַ גרויסע צאָל חסידים ואנשי מעשה, און זיי זענען געגאַנגען ביז'ן שטאָט 'מאהילוב' וואס געפינט זיך ביים 'דניעסטער טייך'. דאָרט האט דער הייליגער בעל התניא געזאָגט פאַר רבי ר' מענדלע אז ער וויל מיטפאָרן מיט אים.

למעשה איז פאַרגעקומען אַן אסיפה פון דריי וואכן צווישן דעם הייליגן רבי ר' מענדלע, דעם הייליגן קאליסקער, רבי ישראל פאליצקער און דעם בעל התניא. צום סוף איז געבליבן די החלטה אז דער בעל התניא זאל בלייבן אין חוץ לארץ, ווייל מען דאַרף דארט האָבן א מנהיג פאַר די חסידים, און מ'וועט זיין בקשר מיט רבי ר' מענדלע און דעם קאליסקער דורך בריוו הין און צוריק.

כאָטש דער הייליגער בעל התניא איז געבליבן אין חוץ לארץ, זענען זיינע השתוקקות און התקשרות צו רבי ר' מענדלע און דעם קאליסקער געווען עפעס איום ונורא.

עס ווערט אַראָפּגעברענגט אין ספר **מרומם ואיש עליה** פונעם באקאנטן 'באַדער רב', רבי ישעיה זושא שוב"ף, אז עס איז מקובל ביי די אדמורי חב"ד לדורותיהם אז דער הייליגער בעל התניא האט מחבר געווען 'צען ניגונים', צווישן זיי: די באקאנטע ד' בבות, כאיל תערוג, פדה בשלום נפשי (-וואס ער האט געמאכט ווען ער איז ארויסגעקומען פון תפיסה), ועוד.

איינע פון די צען ניגונים איז דער באקאנטער ניגון אויף די ווערטער אין שיר השירים (ה, ב) "קוֹל דּוֹדִי דוֹפֵק פִּתְחִי לִי אֲחֹתִי רַעְיָתִי יוֹנָתִי תַמָּתִי", וואס מ'זינגט עס נאך עד היום הזה מיט א געוואלדיגע דביקות ביי אלע חסידישע הויפן. דער ניגון 'קול דודי דופק' האט אין זיך נאך עטליכע שטיקלעך אויף אידיש וואס זענען נישט אזוי באקאנט. צום ביישפיל, דער צווייטער פאל - פון 'פתחו לי אחותי...' האט נאך ווערטער: "**ווען איך וואָלט געהאַט גאלדענע פליגלער, וואלט איך צו דיר געפלויגן, איי רבי, איי רבי איי רבי איי רבי...**"

דער בעל התניא האט מחבר געווען דעם ניגון ווען ער איז צוריקגעפאָרן אהיים און ער האט זיך אנגעהויבן בענקען מיט גרויסע געגועים צום הייליגן ר' מענדלע. פון די גרויסע בענקשאַפט האט ער געמאכט דעם ניגון. (עס זענען דאָ וואס זאגן אז דער ניגון במקורו איז פונעם **זלאָטשובער מגיד** און דער בעל התניא האָט צוגעלייגט די אידישע ווערטער).

## 'על דעת רבותינו הקדושים שבארץ הקודש'

ווי באַקאַנט שרייבט דער הייליגער בעל התניא אין זיין הקדמה, אז ער האט געבויט דעם ספר "**על פי ספרים ומפי סופרים קדושי עליון נשמתם עדן המפורסמים אצלינו**", און ער פירט אויס: "**וקצת מהם נרמזים לחכימין באגרת הקודש מרבותינו שבארץ הקודש**". - מיט דעם איז אונז דער בעל התניא מגלה אַ סוד, אז **ער האט געבויט דעם גאנצן ספר התניא אויף די יסודות פון די בריוו פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע און דעם הייליגן קאליסקער**. אזא שטארקע התקשרות האט דער הייליגער בעל התניא געהאט צו די דאָזיגע הייליגע צדיקים.

מיר געפינען נאך אין די 'אגרות' פונעם הייליגן בעל התניא, וואו ער שרייבט צוויי מאָל דעם אויסדרוק "**רבותינו הקדושים שבארץ הקודש**" מיט א לשון רבים.

ווי אויך איז באקאנט דער בריוו וואס דער הייליגער בעל התניא האט געשריבן ווען דער הייליגער רבי ר' מענדלע איז נסתלק געווארן. ער שרייבט דאָרט א בריוו צו די יושבי ארץ הקודש, און ער בויט דעם גאנצן בריוו אויפ'ן **זוהר הק'** וואס זאגט, אז ווען א צדיק ווערט נפטר און גייט ארויף אויף יענע וועלט, "אשתכח בכולי עלמין יתיר מבחיוהי" - ער געפינט זיך אין אלע וועלטן נאך מער ווי בחייו.

דער בעל התניא טוט דאָרט אויף א חידוש נפלא, אז **נישט נאָר האט דער צדיק אַ גרעסערן כח בעולם העליון, נאָר דער צדיק געפינט זיך דאָ אויף דער וועלט פיל שטערקער!**

ער ערקלערט דאָרט, אז כל זמן דער צדיק האט געלעבט, איז ער דאָך געווען איינגעהילט אין אַ לבוש פון א 'גוף', אבער איינמאָל דער צדיק איז ארויף אויף יענע וועלט, שיינט ער אריין צו זיינע תלמידים פון גן עדן אָן דעם לבוש פונעם גוף, און ממילא קען מען זיך פיל מער מדבק זיין אינעם צדיק.

עס איז ידוע אז דער הייליגער **צמח צדק** זי"ע האט געזאגט, אז דער איינציגסטער בריוו פונעם בעל התניא אין ספר התניא וואס ער אליין האט געשריבן דערויף א 'ביאור' בכתב יד




קדשו, איז דער **מכתב כ"ז** - דער בריוו איבער די פטירה פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע - וואו דער בעל התניא האט אליינס געשריבן א ביאור רחב אויף זיינע אייגענע ווערטער.

## מלך ישראל

כידוע האט דער הייליגער בעל התניא געזאגט אויפ'ן הייליגן רבי ר' מענדלע, אז ער איז א בחינה פון 'מורח ודאָין' וואס שטייט אויף **משיח**.

אינעם ספר **מאמר מרדכי** פון רבי מאטל סלאנימער זי"ע שרייבט ער, אז ווען דער הייליגער רבי ר' מענדלע איז געפאָרן קיין ארץ הקודש, איז ער זיך געגאַנגען געזעגענען ביי פיל צדיקי הדור. ער איז דעמאָלטס געפאָרן צום הייליגן 'תולדות', צום רבי ר' פנחס'ל קאָריצער, און נאָך. ווען ער איז געווען אויפ'ן וועג צום הייליגן רבי ר' פנחס'ל קאָריצער, האט ער קודם מודיע געווען פאָראויס אז ער גייט קומען.

ווי נאָר די ידוע איז אָנגעקומען צו די אויערן פונעם הייליגן רבי ר' פנחס'ל, האט ער אָנגעהויבן אויסצורוימען און קאַלעכן די שטובער פון זיין הויז שוין צוויי וואָכן פאַר דער הייליגער רבי ר' מענדלע איז אָנגעקומען, און ער האט זיך אויסגעדריקט:

**"אַ מלך ישראל קומט!"**

בשעת ער איז דאָרט געווען, האט דער הייליגער רבי ר' פנחס'ל קאריצער אָפּגעגעבן א געוואַלדיגע כבוד מלכים פאַר'ן הייליגן רבי ר' מענדלע וויטעבסקער, און ער איז די גאנצע צייט געווען פאַרנומען זאָגן: **"דער מלך ישראל! דער מלך ישראל!"**

מען דאַרף וויסן, אז ווען דער הייליגער רבי ר' מענדלע איז געפאָרן קיין ארץ ישראל אין יאר **תקל"ז**, איז ער נאך געווען אַ יונגערמאַן אין די הויכע דרייסיגער יארן, און פונדעסטוועגן האט ער באַקומען אזא כבוד מלכים פונעם הייליגן רבי ר' פנחס'ל קאריצער, וואס כידוע איז רבי ר' פנחס'ל פאררעכנט געווארן כמעט ווי א תלמיד-חבר פונעם הייליגן בעל שם טוב הק'.

דער המשך המעשה איבער דעם ווערט אַראָפּגעברענגט סיי אין די **סלאנימער ספרים** און סיי אין די **כתבי רמ"מ**:

ווען זיי זענען געפאָרן אויפ'ן וועג קיין ארץ הקודש, האָט פלוצלינג אָנגעהויבן באשעווען אַ גרויסער שטורעם ווינט, און עס האָט אויסגעזען ווי די שיף גייט זיך ממש איבערקערן, רח"ל. וכידוע איז די שיף מיט וואס דער הייליגער רבי ר' מענדלע איז געפאָרן געווען אַן אַלטע שיף אויף וועלכע דער בעל **מעשה רוקח** איז געפאָרן (זע שפעטער די מעשה באריכות איבער דעם).

די תלמידים האט זיך געוואָנדן צום הייליגן רבי ר' מענדלע: "רבי, ראטעוועט, זייט מתפלל!"

האט דער הייליגער רבי ר' מענדלע אנגעהויבן דאַווענען און געזאגט אזוי: **"רבוש"ע, זאל מיר ביישטיין די יסורים וואס איך האָב געליטן פונעם כבוד אין חוץ לארץ וואס איך האב געהאַט ביים הייליגן רבי ר' פנחס'ל קאָריצער, ווען ער האָט געזאגט 'לאָמיר אויסקערן די שטוב פאַר'ן מלך ישראל'!"**

דאָס מיינט, אז ווען דער הייליגער רבי ר' מענדלע האט דאָס געהערט פון רבי ר' פנחס'ל קאריצער, האט ער געהאַט אזעלכע שרעקליכע יסורים כאילו מען וואָלט אים מבזה געווען מיט די גרעסטע בזיונות! און יעצט בעט ער: **"בזכות די בזיונות זאל זיך דער ים באַרואיגן..."**

און אזוי איז טאַקע געווען, און דער

ים האט זיך באַרואיגט.

## דער וואונדערליכער רייזע קיין א"י מיט'ן אַלטן שיף

ווען דער הייליגער רבי ר' מענדלע איז אָנגעקומען צום פּאָרט אויפ'ן וועג קיין ארץ הקודש, זענען דאָרט פּאַרגעקומען וואונדערליכע זאכן.

ער איז געשטאנען ביים פּאָרט און איז געווען פאַרטיפט אין דביקות, שוֹקל זיין אהער און אהין מיט וועלכע שיף מען זאל פאָרן.

פלוצלינג זאָגט דער הייליגער רבי ר' מענדלע: "איך וויל גיין מיט יענע ספעציעלע שיף". די תלמידים האבן געקוקט און געזען אז דאָס איז אַן אַלטע, אָפּגעדינטע שיף, א לאַטע אויף א לאַטע. אבער אז דער רבי זאגט אז מען פאָרט מיט דעם, פאָרט מען מיט דעם. זיי זענען געגאנגען צום קאַפּיטאַן, און דער קאַפּיטאַן האט באַשטעטיגט מיט אַ זיכערקייט: "יא, מען קען פאָרן מיט דעם שיף קיין ארץ ישראל".

ווי נאָר זיי זענען ארויף אויפ'ן שיף, האט די שיף אָנגעהויבן פאָרן ממש ווי א נייע, פרישע שיף, שנעל און גרינג, כאילו גאָרנישט וואלט געווען. דער קאַפּיטאַן האט זיך אויסגעדריקט אז ער האט שוין לאַנג נישט געהאַט אזא געשמאַקע און גליכע נסיעה - זייט די נסיעה פון זעקס און דרייסיג יאָר צוריק, ווען דער הייליגער **רבי אלעזר רוקח** פון **אמסטערדאַם** דער בעל מעשה רוקח (דער זיידע פונעם הייליגן שר שלום פון בעלזא) איז געפאָרן אויף דער שיף ארויף קיין ארץ הקודש אין יאר **תק"א**.

ווען די תלמידים האבן דאָס געהערט, האבן זיי אנגעהויבן פאַרשטיין וואס דאָ טוט זיך. זיי האבן געפרעגט דעם קאַפּיטאַן: "וואָס איז דער פשט אז דו האַלטסט אזא אַלט שיפל?"

האט דער קאַפּיטאַן דערציילט, אז **רבי אלעזר רוקח פון אמסטערדאַם האט אים צוגעזאָגט, אז וויבאלד ער האָט אים געפירט מיט דער שיף, וועט צו דער שיף גאָרנישט קיינמאָל פאַסירן.**

זענען די תלמידים צוריקגעגאנגען צום הייליגן רבי ר' מענדלע און געזאגט: "רבי, דאָס איז דאָך רוח הקודש! דער רבי האט געוואוסט און געזען אז דאָס איז די שיף פון רבי אלעזר רוקח?"

האט זיך דער הייליגער רבי ר' מענדלע אָנגערופן מיט זיין גרויס ענווה: **"עס איז נישט געווען קיין רוח הקודש! איך האב בכלל נישט געוואוסט אז רבי אלעזר רוקח איז געפאָרן אויף דער שיף. נאָר וואס? איך האב געזען אַן 'עמודא דנהורא', א גרויס לעכטיגקייט פאָרנט פון דער שיף, ממילא האב איך פאַרשטאנען אז מען דאַרף פאָרן מיט דעם".**

דאָס ווייזט אויף די געוואלדיגע ענווה פון רבי ר' מענדלע, **ער האט נישט געהאַלטן אז עס איז עפעס א 'רוח הקודש' צו וויסן ווער עס איז געפאָרן אויף די שיף, נאר דאָס אז ער זעט אַן עמודא דנהורא פאַר די אויגן, דאָס האט ער געהאַלטן פאר א 'פשוט'ע זאך'...**

כידוע האבן זיי געהאט ניסים ונפלאות אויפ'ן וועג. די רייזע אליין האט נאָר געדויערט 'זיבן טעג'. הרה"ק **רבי ישראל פאליצקער** זי"ע שרייבט אין זיינע בריוו (מכתב א'): **"ועברנו כל הימים והנהרות בשבעה ימים"** - אין זיבן טעג - **"אשר על דרך הטבע צריכים להתאחר שלוש פעמים כהנה וכהנה"**. דאָס מיינט אז אזא נסיעה דאַרף נאָרמאַל דויערן מינימום איין און צוואנציג טעג ביז א חודש צייט, און זיי האבן עס באוויזן אין בלויז זיבן טעג!

## מי שאמר לשמן וידלק הוא יאמר לחומץ וידלק: דער טבע'דיגע נס פונעם מקוה און דער 'גילוי אליהו'

אויפ'ן וועג איז פאָרגעקומען אַ מורא'דיגע מעשה מיט'ן הייליגן רבי ר' מענדלע.

פלוצלינג, אינמיטן וועג, האט רבי ר' מענדלע געזאגט פאַר די חבריא קדישא אז ער זעט, רח"ל, די 'מידת הגבורה', און מען דאַרף עס גיין ממתיק זיין. און דער וועג פון המתקה איז דורך זיך טובל'ן אין אַ 'מקוה'.

האבן די תלמידים געפרעגט: "ווי אזוי? דאָ איז דאָך נישטא קיין מקוה?"

ער האט אים געענטפערט: "מען דאַרף גיין טובל'ן אין ים".

די תלמידים האבן ווייטער געפרעגט מיט וואונדער: "רבי, וויאזוי קען מען זיך דאָ טובל'ן אינמיטן ים?"

האט דער הייליגער רבי ר' מענדלע געזאגט: "עס איז בסדר".

דער הייליגער רבי ר' מענדלע איז געגאַנגען און זיך אַראָפּגעלאָזט פון די שיף, ער האט זיך געטובל'ט אינעם ים, און איז צוריק ארויפגעקומען. די תלמידים האבן אים תיכף געפרעגט: "רבי, וואס איז דאָ געווען?" האט ער זיי געענטפערט: **"זקן אחד עזרני"** - אַן אַלטער איד האט זיך צו מיר אַנטפּלעקט און ער האט מיר געהאָלפן.

די תלמידים האבן דאַן פאַרשטאנען אז דאָס מיינט אז רבי ר' מענדלע האט געהאט א **גילוי אליהו**.

האבן די תלמידים געפרעגט א שאלה: "הייליגער רבי, די גמרא זאגט דאָך בפירוש אז **'אין סומכין על הנס'** - מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין נס?"

האט דער הייליגער רבי ר' מענדלע זיי געענטפערט: דאָס וואס די גמרא זאגט אז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין נס, דאָס גייט ארויף אויף א מענטש וואס האַלט אז עס זענען דאָ צוויי באַזונדערע הנהגות אינערהאַלב די בריאה - עס איז דאָ די הנהגה פון **טבע** און עס איז דאָ די הנהגה פון א **נס**. אין אזא פאַל זאגט די גמרא 'אין סומכין על הנס'.

אבער ביי א מענטש וואס ביי אים זענען **טבע און נס צוגלייך**, ווייל ער ווייסט קלאָר אז אַלעס קומט פונעם זעלבן באַשעפער, ביי אים איז דאָס די בחינה פון **רבי חנינא בן דוסא** וואס האט געזאגט: **"מי שאמר לשמן וידלק הוא יאמר לחומץ וידלק"** - דער וואָס האט געזאגט פאַר'ן אויל עס זאל ברענען, וועט זאגן פאַר'ן עסיג עס זאל ברענען (עי' תענית כה.). אזא סאָרט מענטש ווערט בכלל נישט פאַררעכנט אַלס איינער וואס האָט הנאה פון מעשה ניסים, און עס גייט נישט אריין אינעם גדר פון 'אין סומכין על הנס'.

**המשך בס"ד אינעם קומענדיגן קאַפּיטל.**

# פרישט אויף אייער טאג
## מיט א חיזוק שיעור פון בלויז

# 2 מינוט

דריקט נומבער "0" פון די מעין מעניו

**שיעורים דורך אויס די וואך:**

**זונטאג**
מאמר הפרשה

**מאנטאג**
חובת הלבבות

**דינסטאג**
טבריא של מעלה

**מיטוואך**
אוצר הידיעות

**דאנערשטאג**
יאהרצייטן

**פרייטאג**
אור של שב"ק

**מוצאי שבת**
מלוה מלכה

פרדס התורה

## קול פרדס התורה
# 718.506.9694

בס"ד

פארט איר דעם זומער

# אין קאנטרי?

## גליון 'פרדס התורה'

**וועט אי"ה זיין צו באקומען**

**אין ביהמ"ד "כלל ישראל ד'וואודבערן"**

**א יעדן ערב שבת**

# זעטיגט אייער נשמה און באלייכט אייער שבת!

**א פרייליכן און לעכטיגן שבת!**

בהוקרה,

מערכת פרדס התורה

סבלא